# נקדישך

## די אומשאצבארע סגולה און די געוואלדיגע מעלה פון נישט רעדן ביים דאווענען

גליון י"ז

## די חברים ברענגן די ישועה

די דאזיגע מעשה וואס איך פארצייל אייך, וואלט איך אפשר אליין אויך נישט געגלייבט ווען נישט איך הער עס פון איינעם וואס האט געהאט א שייכות מיט די מעשה. אלץ דרייווער פאר די חשוב'ע ארגעניזאציע "חסד", איז מיר אויסגעקומען צו טראגן א איד פון וויליאמסבורג, (וואס געהערט צו די וו. קהלה) צום בית ישראל שפיטאל, אינמיטן וועג פארציילט מיר דער איד ווי פאלגענד.

"איך פאר יעצט באזוכען א איד וואס וואוינט אין ארץ ישראל וואס ער איז זיך אהער געקומען היילן דא אין אמעריקע, נאכדעם ווען די דאקטורים האבן אים ליידער אנטפלעקט מיט יענע מעשה. אהערקומענדיג דא אין אמעריקע, ווען אונז חברים זענען געוואר געווארן פון זיין ביטערע מצב, האבן מיר זיך פארגענומען 70 יונגעלייט פון ביהמ"ד וו. אויף ווילסאן סט. אין וויליאמסבורג צוויי זאכן 1. נישט ארויסנעמען די טעלפאון פון אדון עולם ביז אדון עולם, 2. נישט צו רעדן ביים ליינען, די קומענדיגע מאל וואס מען האט געמאכט די טעסט אויף דעם איד איז עס ארויסגעקומען אינגאנצן זויבער אן די מינדעסטע זכר... (עבודת התפלה)

## אינמיטן נאכט אויף?

א חשובע רב שליט"א האט אמאל ביי א דרשה דערציילט דאס פאלגענדע: איך האב אמאל געזעהן א ערנסטע בעל הבית אין ביהמ"ד, ווי אזוי אינמיטן דאווענען נעמט ער ארויס זיי סעלפאון און קוקט א מעסעדש וואס ער האט באקומען, און שיקט צוריק פאר יענעם, איך האב מיר נישט געקענט איינהאלטן בין איך צו אים צוגעגאנגען נאכן דאווענען און מעורר געווען אז עס פאסט נישט דאס ענין פאר אזא איד ווי אים. האט ער מיר געענטפערט אז ס'איז געווען זייער וויכטיג, האב איך אים געפרעגט אויב ס'איז אזוי וויכטיג אז אינמיטן די נאכט וואלט ער ווען אויפגעשטאנען פאר דעם, האט ער מיר געענטפערט, דאס שוין נישט, האב איך אים געזאגט, היתכן אז אינמיטן די נאכט פארשטייסטו אז ס'איז נישט וויכטיג און פאר אינמיטן דאווענען איז עס דען יא וויכטיג?

האב איך אים געגעבן א פרעג, דו האסט שוין אפשר אמאל געהאט שלאפ'לאזע נעכט, האט ער מיר געענטפערט אז יא, האב איך אים געזאגט אז אפשר איז דאס א תוצאה פון דעם וואס אינמיטן דאווענען ביסטו מפסיק מיט דעם כלי, זעהט דער אויבערשטער אז זיין זאך [דאווענען] איז ביי דיר נישט וויכטיג, דעמאלטס ביי אזא זאך וואס דו שפירסט אז ס'איז וויכטיג, ח"ו... נעם דיר פאר אז דו וועסט נישט מפסיק זיין ביים דאווענען מיט די כלי וועט דער אויבערשטער העלפן אז דו וועסט נישט דארפן האבן קיין צושטערטע נעכט... (ומקדשי תיראו)

## געפועל'ט ביים תוספות יו"ט

גאר א אינטרעסאנטע געשיכטע האט זיך אפגעשפילט ממש לעצטענס ווי מען האט געזען קלאר ווי די טאג אז די כח פון נישט רעדן ביים דאווענען האט געראטעוועט די מצב, די מעשה איז ווי די פאלגענד:

עס איז געווען א רב אין א בית המדרש אין אמעריקע וואס מען האט אין זיין שוהל זייער שטארק מקפיד געווען אז מען זאל נישט רעדן ביים דאאווענען און בשעת די ליינען, און מען האט דארט נאכן ענדיגען ליינען געזאגט די מי שברך וואס די הייליגע תוספות יום טוב האט מתקן געווען ווען עס איז געווען צרות פאר אידן אין זיין תקופה, אזוי איז אנגעגאנגען אלעמאל בלי יוצא מן הכלל, און עס איז געווען גאר א גרויסע געשמאק דארט צו גיין דאווענען ווייל עס האט זיך געדאווענט מיט גרויס געשמאק.

צוליב געוויסע סיבות האט זיך געמאכט אז די רב האט זיך געדארפט אוועק ציען פון אמעריקע און ער האט זיך באזעצט אין ארץ ישראל, און ווי זיין פלאן האט ער געוואלט דארט אויך עפענען א בית המדרש און ווייטער אנהאלטען זיין חזקה פון נישט צו רעדן ביים דאווענען און בשעת ליינען אין די תורה, אבער די יצר הרע האט זיך שטארק פארלייגט און עס איז אונטער געקומען איין פראבלעם גרעסער ווי די צווייטע, ביז מען האט כמעט אויפגעגעבן אויף די בית המדרש.

איינמאל האט די רב געהאט א פלאן צו קומען קיין אמעריקע האט ער מחליט געווען אז ער וועט זיך אפשטעלן אין קראקא ווי די הייליגע תוספות יום טוב איז באגראבען אין מתפלל זיין אויף זיין קבר אז אין די זכות פון נישט רעדן ביים דאווענען וואס ער האט געזאגט אז עס איז מסוגל צו אלע גוטע זאכען זאל ער איהם העלפען אין זיין שווערע מינוט, געזאגט און געטוהן ער האט זיך אפגעשטעלט אין קראקא און ער איז באלד געגאנגען צום בית החיים אין קראקא און צוגעגאנגען צום ציון פונעם הייליגע'ן תוספות יום טוב, איידער ער האט אנגעהויבען צו זאגען תהילים האט ער באקומען א רוף פון זיין ווייב אז די מצב איז גאר גאר שמאל און עס זעט בכלל נישט אויס אז מען גייט קענען בויען די בית המדרש אין ארץ ישראל, אבער ער האט זיך געשטארקט און גענומען אלע זיינע כוחות און האט אנגעהויבען צו זאגען די תהילים אן קיין הפסקה.

אינמיטען זאגען די תהילים האט איהם די לויער געקלינגען און אן א אויסרעדען האט איהם די לויער געזאגט אז ער גיבט שוין כמעט אויף אויף זיין בית המדרש ווייל עס איז נישט מעגליך אז מען זאל קענען אדורך גיין די אלע שוועריגקייטען, די רב האט אבער גארנישט גע'ענטפערט וויל ער האט נישט געוואלט אויסרעדן און האט אראפ געלייגט די טעלפאן און ווייטער געזאגט תהילים.

אזוי ווי ער האט גע'ענדיגט האט ער אנגעהויבען צו רעדן מאמע לשון צום הייליגען תוספות יום טוב און שטארק געוויינט און געבעטען פונען הייליגען צדיק אז ער זאל גיין צום כסא הכבוד און זאל איינרייסען אז אין די זכות פון אכטונג געבען אויף זיין כבוד אין די בית המדרש זאל ער איהם העלפען אין זיין שווערע מצב פונעם בויען די נייע בית המדרש...

עס איז נישט דא די ווערטער צו שרייבען אבער די מעשה האט זיך גע'ענדיגט גוט... צו אלעמענס וואונדער האט ער באקומען א טעלפאן פון זיין לויער אפאר מינוט נאכען ענדיגען דאווענען אז זאכען זען אויס צו גיין אויף בעסער און מען וועט יא קענען בויען די בית המדרש.

בזכות קדושת בית המדרש וועלן מיר אלע זוכה זיין צו אלע גוטע ברכות. (ואתם תחרישון)

## א פאטש לשם שמים

עס האט דערציילט כ"ק הגה"צ חו"פ רבי ברוך מיללער זצ"ל ראש הכוללים בקרית יואל (נפטר י"ט תשרי תשע"ז לפ"ק), אז אין די תקופה וואס ער

# היסטארישע בילדער פונעם הייליגן תוספות יו"ט זצ"ל



א געמאלענע פונעם הייליגן תוספות יו"ט, רבי יו"ט ליפמאן העללער זצוק"ל, וואו ער קוקט ארויס טורמע-צעל.



די אריגינעלע געמאלענע בילד וועלכע געפונט זיך היינט אין שטוב פון איינער פון זיינע חשובע אייניקלעך



בילדער פונעם מצבה פונעם תוספות יו"ט פון בעפאר די קריג



אידן זענען מתפלל אויפן קבר פונעם תוס' יו"ט ביומדה"ל



בילד פונעם מצבה נאכן קריג



די מציבה נאכן ווערן איבערגעמאכט מיט עטליכע יאר צוריק

האט געלערנט אין די ישיבה פון הגה"ק רבי יוסף צבי דושינסקיא זצוק"ל גאב"ד ירושלים, האט דארט אויך געלערנט הרה"צ חו"פ רבי מיכל'ע מנתני' זצ"ל, איז געווען אמאל ווען עס איז דארט געווען א געוויסער עסקן און כלל טוער וואס האט גערעדט בשעת'ן דאווענען.

רבי מיכל'ע איז שוין אלס בחור געווען א פלאם פייער, און זיין הארץ האט געפלאמט און געברענט פאר כבוד שמים. ווען ער האט געזען יענעם רעדן איז ער צוגעגאנגען און מעורר געווען אז מ'טאר נישט רעדן ביים דאווענען. יענער האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט און ער האט ווייטער גערעדט. רבי מיכל'ע מיט זיין אמת'ע יראת שמים האט דאס זייער וויי געטון, האט ער אים מעורר געווען איינמאל און נאכאמאל, און ווען ער האט געזען אז עס העלפט נישט, האט ער אים אראפגעלאזט א פאטש.

א טאג דערויף איז צוגעקומען איינער פון די מנהלי הישיבה צום רב, און ער זאגט אז דער בחור 'יחיאל מיכל מיכלאוויטש' האט געגעבן א פאטש פאר אן איש מכובד, און מ'דארף אים ארויסשטעלן פון די ישיבה. זאגט דער רב 'גוט, כ'וועל זיך איבערטראכטן'.

דער ירושלים'ער רב לאזט רופן רבי מיכל'ע, און ער פרעגט אים וואס עס איז פארגעקומען, און רבי מיכל'ע מיט זיין תמימות דערציילט די גאנצע מעשה וויאזוי יענער האט נישט געוואלט אויפהערן צו רעדן ביים דאווענען, ביז ער האט אים געגעבן א פאטש, דעמאלטס האט ער אויפגעהערט צו רעדן.

דער ירושלים'ער רב האט געלאזט רופן יענעם איינגעשטעלטן און ער זאגט אים "כ'האב גערעדט מיט'ן בחור, איך זעה ער האט נישט געהאט קיין שום פני' נאר כבוד שמים, ממילא קען ער בלייבן אין די ישיבה".

(ווען איך האב געהערט די מעשה האב איך געבעטן פון הרה"ח ר' שלמה יודא שטיינמעטץ הי"ו וועלכער האט משמש געווען ביי רבי מיכל'ע אז ער זאל איבערדערציילן די מעשה פאר רבי מיכל'ע צו זעהן זיין רעאקציע. ווען רבי מיכל'ע האט דאס געהערט האט ער זיך גענומען זייער צו וויינען "אזוי האט דער רבי גזאגט, איך האב געטון אינגאנצן אן קיין פני'? איך האב געמיינט כולו לשם שמים?"...)

(הרה"ח ר' יעקב ארי' סעגעדין הי"ו - זקניך ויאמרו לך)

## מיט כללי הרפואה האט ער נישט קיין שום הסבר...

לכבוד די חשובע גבאים פון די ומקדשי תיראו ארגאנאזאציע - ירושלים.

צום ערשטענס ווילן מיר אייך באדאנקן אויף אלע הילף און צעטליך וואס אייער ארגאנאזציע ומקדשי תיראו שיקט אונז כסדר. מיר הענגען עס אויף יעדע וואך אין א מקום בולט און פון דארט זענען זיי מעורר אונזער מתפללים נישט צו רעדן ביים דאווענען און ליינען. מיר הערן כסדר פון די ציבור פאזיטיווע גריסען.

די פארגאנגענע וואך פרשת נח (תשע"ו) האבן מיר געהערט א נפלא'דיגע מעשה. א חשובע איד וואס וואוינט אין יוניאן סיטי אין אמעריקא איז







געווען דא אין מאנטריאל אויף א משפחה שמחה. פרייטאג צו נאכט'ס איז ער געקומען דאווענען ביי אונז אין שטיבעל אזוי ווי דאס איז געווען נאנט צו זיין אכסניא. אריינקומענדיג אין שול האט ער באמערקט דאס טאוועל מיט 'קידוש לבנה אותיות' בשם דער חפץ חיים אז 'שתיקה יפה בשעת התפלה וקריאת התורה ומסוגלת לכל הישועות'.

צומארגענס אויף מנחה אין סעודה שלישית איז ער ווידער געקומען צו אונז. פאר מנחה איז ער צוגעגאנגען צו הר"ר יצחק ראטה שליט"א אין איהם געזאגט מתוך התפעלות. ער האט געזען נעכטען ווי יונגעלייט פאסן אויף אויפ'ן כבוד פונעם בית המדרש מיט'ן פילסטע יראת הכבוד. ער האט נישט געזען קיין שום קרעמלער פון שמועס'ן בשעת'ן דאווענען אין דערפאר קומט ער נאכאמאל דאווענען. אבער אזוי ווי ער האט געזען דער טאוועל 'מסוגלת לכל הישועות' וויל ער מיטיילען א פערזענליכע ישועה וואס האלט זיך נאך אינמיטען אנטוויקלען, אלס אין דער זכות פון נישט רעדן ביים דאווענען.

אין דאס זענען די פילע פרטים פונעם בעל המעשה ר' אלכסנדר משה בן לאה לאנדא שליט"א [דער דיין הג"ר לוי ראטה שליט"א האט עס איבערגעזאגט בשעת סעודה שלישית אין מיר זענען דא עס מפרסם ברשותו כדי אז עס זאל זיין לזכותו פאר א גאנצע רפואה במהרה אמן].

'דער מעשה האט זיך אנגעפאנגען פאר 10 חדשים צוריק אין ענדע טבת תשע"ה. איך האב אנגעהויבען צו שפירען געפערליכע יסורים אין מיינע נירן. ערשט האב איך געטראכט אז דאס איז נירן שטיינער. בין איך געגאנגען צו א דאקטאר דאס בודק צו זיין. ער האט געזאגט אז ער זעהט נישט קיין שטיינער אבער ער זעהט בלוט אין דערפאר האט ער מיר געשיקט צו א סעריע פון סי. טי. בדיקות אין פארשידענע טעסטס. נאך עטליכע טעג האבען די דאקטורים מיר מודיע געווען דאס ערגסטע רח"ל. איך האב ביי מיר א געוואוקס אינעם לעבער וואס האט זיך שוין פארשפרייט צו די נעבענדיגע איברים רח"ל. זיי האבען צוגעלייגט אז עס זענען פאראנען גאר שוואכע מעגליכקייטען ארויסצוגיין פון דעם, אזוי ווייט אז עס לוינט שוין נישט צו אפערירן. די דאקטורים האבען געזאגט אז די מצב איז זייער שלעכט וד"ל.

איך האב גלייך דערציילט פאר אלע מיינע ידידים אין משפחה נישט וועלנדיג גארנישט באהאלטען פון זיי. כדי אז ווי מער מענטשען וועלן מתפלל זיין אויף מיר אז דער באשעפער זאל מיר שיקען א רפואה במהרה. דער ערשטע שבת נאך די ידיעה בין איך נישט געגאנגען אין שול זייענדיג זייער אפגעשוואכט. אינמיטן וואך ווען מיינע כוחות זענען צוריקגעקומען האב איך געהערט אסאך חיזוק פון אידען וואס האבען אריינגעגעבען אין מיר האפענונג. איך האב זיך געשטארק אין געגלייבט אז דעם כל יכול קען מיר אינגאנצען ארויסנעמען פון מיין קראנקייט אין איך האב פראבירט נישט אריין פאלען אין קיין יאוש ל"ע ווייל עס קען נאר פארערגער'ן דעם מצב.

אינעם צווייטע שבת פילנדיג אביסעל שטערקער בין איך יא געגאנגען אין בית המדרש. פאר'ן דאווענען איז צוגעקומען צו מיר דעם גבאי [הר"ר גרשון איזענבערגער שליט"א] און געפרעגט צו ער קען מיך ניצן צו מאכן אן אפיעל. איך האב מסכים געווען אויפ'ן ארט. פאר'ן ליינען איז ער ארויף אויפ'ן בימה אין אנגעהויבען אראפצוליינען מיין גאנצע מצב. ער האט איינגעבעטן ביים עולם אז מען זאל זיך מקבל זיין נישט צו רעדן 'פון אדון עולם ביז אדון עולם' און אין דער זכות זאל איך האבען א ישועה.

דינסטאג דערנאך איז דער גבאי מיר געקומען באזוכען מיט א צעטל וואס אויף דעם איז געווען געחתמ'ט 80 מתפללים וואס האבען געמאכט דער קבלה לזכותי.

א שבת שפעטער האט געהערשט אן אומגלויביגע שטילקייט אינעם גאנצע צייט פון דאווענען אין אזוי ציעט זיך עס. אלע געחתמ'טע האלטן ווארט ב"ה. בינו לבינו האב איך אנגעהויבען צו נעמען מעדיצינעשע באהאנדלען אין מיין מצב האב זיך גערוקט מיט אן אומגלויביגע אופן. בשעת'ן אנטפלעקן דער מחלה רח"ל זענען מיינע נאמבערס געשטאנען ביי 33,000! [ביי א געווענליכע מענטש איז דאס בערך 32]. נאך 12 וואכן פון טריעטמענטס האט מען געמאכט א טעסט אין די דאקטורים האבען געזען אז די נאמבערס זענען אראפ אויסערגעווענליך צו 3,200!! א דאקטאר האט מיר גלייך געקלונגען זאגען אז עס טוט זיך דא אפ עפעס אן אומגלויביגע זאך אין מיט כללי הרפואה האט ער נישט קיין שום הסבר אויף דעם. דאס הייסט בדרך כלל קען עס אראפגיין מיט עטליכע טויזענט אבער נישט מיט א קנאפע 30,000! אויך האבען די טעסטס געוויזען אז דער געוואוקס אליין ווערט קלענער אסאך מער וויפיל זיי האבען זיך פארגעשטעלט אין גיבט האפענונג אז איך קען זיך אינגאנצען ערהוילען דערפון בעז"ה.

נאכ'ן ווייטער ממשיך זיין מיט די טריעטמענטס פאר נאך 12 וואכן בין איך נאכאמאל געגאנגען מאכען א טעסט אין יעצט האט מיר דער דאקטאר מבשר געווען אז די נאמבערס זענען שוין אינטער 300. היות דאס איז געווען א געוואלדיגע חידוש האט שוין דער

גאנצע אפטיילונג אין שפיטאל געווארן פון דעם און יעדער האט געוואוסט אז עפעס גייט פאר אבער נישט ווייסנדיג וואס ליגט אונטער דעם!...

איך האב נישט קיין שום ספק אז דאס איז און דער זכות פון נישט רעדן ביים דאווענען וואס די אידן האבען זיך פארגענומען אין דאס איז גורם דער גאנצע מהפכה אין דעם וועט מיר ווייטער שטיין צום האנט בעזהשי"ת. פאר ראש השנה האב איך אפגעשריבען א בריוו פאר אלע אונזערע מתפללים זיי צו באדאנקען אויף אלע זייערע השתדלות'ן אין מיה מקפיד צו זיין אויף אזא חשובע ענין.

אין דער זכות זאל מיר דער רבונו של עולם שיקען א גאנצע רפואה. איך זאל קענען פון דער מחלה אינגאנצען ארויסקריכן אין דערלעבן משיח'ן מיט ענק אלע אמן.

יעצט קומענדיג דא און שול אין זעהנדיג דער טאוועל "מסוגל לכל הישועות" האב איך מסכים געווען מפרסם צו זיין מיין מעשה ברבים כדי אז מען זאל זיך אפלערנען דעם חשיבות פון נישט רעדען ביים דאווענען אזוי ווי איך זעה דער קיום פונעם געוואלדיגע סגולה 'ומסוגלת לכל הישועות'.

ע"כ המעשה אין מען דארף צו דעם גארנישט צולייגן.

בברכה מרובה
יהודה לייב אינדורסקי, משה פאלאק
מקדשי תיראו מאנטריאל
(ומקדשי תיראו - ירושלים)

## אבל לא על ידי יסורים ח"ו

איך וואלט אייך געוואלט געבעטן צו געבן דאס ארט פאר מיינע שורות אין אייער קאלום לזיכוי הרבים. עס איז מיר אויסגעקומען צו הערן א מעשה נורא פון א 'כלי ראשון', א מעשה וואס האט אויף מיר געמאכט א שטארקן רושם, און טראצדעם וואס איך צייל זיך נישט צווישן די וואס זענען מוכיח בשער, דאך אבער בתוך עמי אנכי יושבת, און אזא מעשה האט געמאכט אויף מיר זייער א שטארקן איינדרוק און איך שפיר אז עס איז א גרויסער תועלת דאס צו ברענגען לידיעת הציבור.

א חשוב'ער רב ובנש"ק שליט"א וואס פירט אן מיט א שיינע קהילה אין ניו יארק, האט דערציילט די מעשה וואס בדידיה הוי עובדא:

"עס איז געווען מיט יארן צוריק ווען איך האב מייסד געווען מיין בית המדרש, בין איך אריינגעגאנגען צו כ"ק מרן הגה"ק מסאטמאר בעל ברך משה זי"ע נעמען ברכת קדשו לרגל דאס התייסדות פונעם ביהמ"ד.

דער רבי זצ"ל האט מיך אויפגענומען זייער ווארעם, און מיט גרויס ווארעמקייט און ליבשאפט האט ער מאציל געווען מברכות קדשו פאר הצלחה אינעם ביהמ"ד, און דאן האט ער מיר געזאגט אז אזוי ווי איך הייב אן צו פירן א ביהמ"ד מיט א קהילה אלס רב בישראל, וויל ער מיר ראטן צוויי עצות וואס דאס זענען שטארקסטע שליסלען פאר הצלחה.

דאס ערשטע איז אז איך זאל מאכן א שטארקן גדר זיך נישט מישן אין קיין שום פאליטיקס פון די גאס.

דאס צווייטע צו שטיין על משמרת הקודש מיטן שארפסטן אופן אז אין בית המדרש זאל מען ח"ו נישט רעדן ביים דאווענען.

דער רבי האט מיר געזאגט די צוויי זאכן וואס איך האב אנגענומען זייער ערענסט, און שוין ביי די ערשטע דרשה וואס איך האב געזאגט פאר די מתפללים אין ביהמ"ד האב איך מרחיב הדיבור געווען איבער דעם ענין, און איך האב געזאגט אז אויף דעם פרט וועל איך שטיין בכל החומר אכטונג צו געבן אויף קדושת ביהמ"ד.

א קורצע צייט שפעטער איז צוגעקומען צו מיר א בעה"ב, וואס זעהט אויס אז די ווערטער האבן אויף אים געמאכט א רושם, און ער רעדט זיך אפ אז ער זיצט צווישן עטליכע אידן וואס רעדן ביים דאווענען און ער בעט פון מיר א עצה אז איך זאל אים העלפן.

איך האב אים מסדר געווען א פלאץ אינעם פאדערשטן טייל פון ביהמ"ד וואו עס זיצן חשוב'ע מתפללים וואס זענען נזהר אין קדושת ביהמ"ד, און ער האט זיך טאקע אהינגעזעצט און ער מיט זיינע קינדער דאווענען פיין און ערליך אז עס איז ב"ה א נחת.

דארט אויף יענעמס טיש זענען געבליבן זיצן נאך צוויי אידן וואס זיי האבן זיך נישט געוואלט צושטעלן און זיי האבן ווייטער גערעדט, און וויפיל מען האט צו זיי גערעדט און זיך געבעטן צו זיי האבן זיי נישט געוואלט אויפהערן און ווייטער ממשיך געווען מיט זייער התנהגות וואס האט שטארק געשטערט דאס ביהמ"ד.

וואס זאל איך אייך זאגן?! היינט איז שוין נישטא קיין איין שמועסער אין ביהמ"ד...

אין איינע פון די טעג האט איינער פון די צוויי אידן באקומען א שארפן באפעל פון זיין לענדלארד אז ער דארף וויכטיג האבן די דירה, און ער האט אין די שנעלע געלעגענהייט געמוזט ארויסגיין פון די דירה, און ער האט זיך אריבער געצויגן אין א צווייטע געגענט, און איבערגעלאזט אונזער ביהמ"ד.

אין די זעלבע תקופה האט זיך אויך דער צווייטער איד געטראפן אין פראבלעמען, ער איז געווארן אריינגעמישט אין אומלעגאלע זאכן, און ער איז ל"ע ארעסטירט געווארן אין תפיסה, וואו ער זיצט שוין א שטיק צייט.

און ביי אונז אין בית המדרש האט מען פון דעם באקומען חיזוק צו זיין נזהר אין קדושת ביהמ"ד, אויב קען מען דינען השי"ת מתוך שמחה, פארוואס זאל דאס מוזן גיין מתוך קנס ועונש?!

די מעשה האט אויף מיר געמאכט א שטארקן רושם, הערנדיג איבער דעם מורא'דיגן עפיזאד, און ווי שטארק עס איז דער חומר הענין פון מחלל זיין קדושת ביהמ"ד, און ווי השי"ת איז תובע דעם כבוד פון ביהמ"ד, וואס דאס איז א ענין וואס דארף א שטארקן חיזוק איבעראל אין יעדן ביהמ"ד.

עס איז באקאנט די ווערטער פונעם מחבר (סי' קכ"ד סעי' ז') אז עס איז אסור צו שמועסן ביי די הויכע שמונה עשרה, און אויב האט ער יא גערעדט איז "עוונו גדול מנשוא", זיין זינד איז גרעסער אז זי זאל פארציייט ווערן. דער אליהו רבה שרייבט "אוי לאנשים המשיחים בשעת התפלה, כי ראינו כמה בתי כנסת נחרבו בשביל עון זה", ווי איז פאר די מענטשן וואס רעדן ביים דאווענען ווייל מיר האבן געזעהן מערערע בתי מדרשים וואס זענען חרוב געווארן צוליב דעם זינד.

יישר כח פארן געבן ארט פאר מיינע שורות.
בכבוד רב ידידכם מוקירכם - ר.ב.צ.
(פונעם קאלום "ביי מיר האט דאס פאסירט")

